ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# הקדמת חובת הלבבות

(אידיש)

**35**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# חובת הלבבות

**◆ באשרייבונג ◆**

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט:**

די וויכטיקייט פון ליב האבן השם יתברך

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר״ר הלל קאלאמייער זצ״ל האָט עדות געזאָגט אַז דער ״שבט מוסר״ האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# באשרייבונג

## וואונדערליכע ענינים פון דעם רבינו בחיי, דער מחבר פון הייליגן ספר "חובות הלבבות", און זיינע געוואלדיגע אויפטואונגען פאר דער אידישער וועלט

-א-

## די ביאָגראָפיע פון רבינו בחיי

די ביאָגראַפיע פון רבינו בחיי, דער מחבר פון דעם ספר, איז אונז נישט קלאָר באַקאַנט. די געשיכטע (היסטאריע) דערציילט נישט פון זיין לעבנס באַשרייבונג, פון זיין יחוס, און עס איז אַפילו נישט פעסטגעשטעלט אין וועלכע צייט ער האָט געלעבט. עס זענען דאָ פאַרשידענע דיעות ווען ער האָט געלעבט – טייל זאָגן מיט ניין הונדערט יאר צוריק, און טייל זאָגן מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק. עס איז אויך דאָ אַ דעה אַז ער איז געבוירן געוואָרן נאָך שפּעטער.

עס איז אָבער קיין ספק נישט אַז ער איז געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט אין שפּאַניע אונטער דעם קעניגרייך פון די אַראַבער, אין דער צייט ווען אידן האָבן געלעבט רואיג און צופרידן און נישט גע'חלומ'ט פון איקוויזיציע און גירוש. מען גלויבט, אַז ער האָט געוואוינט אין דער שטאָט סאַראַגאָסא, וואו ער איז געווען דיין, ווייל אַזוי רופט ער זיך **"רבינו בחיי בר יוסף אבן פקודה הדיין"**.

אין דער צווייטער הקדמה צום ספר "פת לחם" שילדערט ער די גרויסקייט פונעם רבינו בחיי, ווי פאָלגענד (מיר זעצן עס איבער אין אידיש): "ער איז געווען פון די יחידי סגולה אין די פריערדיגע ערשטע דורות, מיט זיין הערליכן שכל און קלאָרן פאַרשטאַנד, ער האָט געוואוסט דעם אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס, און מען דערקענט קלאָר אין זיינע כתבים אַז ער איז געווען אַ הייליגער מאַן, וואָס האָט געציטערט פאַר דעם באַשעפער מיט דער גרעסטער מאָס יראה און פחד".

וועגן דעם ספר אַליין שרייבט דער "פת לחם" (אין זיין ערשטע הקדמה): ""מען זעהט קלאָר די שיינקייט און פראַכט פון דאָזיגן ספר, עס איז פול מיט די ברכה פון דעם אויבערשטן. ער גיט אַריין פאַרשטאַנד אין די מענטשן זיך צו שטאַרקן אין דער מלחמה קעגן דעם אַלטן קעניג (מיינענדיג דעם יצר הרע), אַז מען זאָל נישט ווערן פאַרקנעכטעט צו די הבלי הזמן, און ער שטעלט אַוועק די מענטשן אַז זיי זאָלן זיך קענען שטאַרקן קעגן די תאווה, און ער גרייט אָן דעם מענטש צו די אמת'דיגע שלימות. ער גיט דעם מידן מענטש כוח און שטאַרקייט צו לויפן טוהן דעם ווילן פונעם באַשעפער, מיט זיין קערפער און מיט זיין פאַרמעגן. דער סך הכל איז, אַז ער פירט אַוועק דעם שלאָף פון די אויגן פון אונזערע פאָלק, און ווער קען זיך פאַרגלייכן צו אים מיט זיין גרויסע גמילות חסדים וואָס ער האָט געטוהן מיט'ן אידישן פאָלק, צו היילן די קראַנקהייטן פון דער נשמה".

מיר האָבן פאַר אונזערע אויגן די ווערטער פון הייליגן חיד"א ז"ל אין "שם הגדולים" (מערכת גדולים, אות ב'), "דער רבינו בחיי האָט מחבר געווען זיין הייליגן ספר חובת הלבבות, און דער וואָס לייענט דעם ספר און איז מעיין אין דער הקדמה צום ספר, זעהט זיין שטאַרקע קדושה, און אַז זיינע ווערטער לעבן נאָך היינט, און דערלייכטן די הערצער פון אידישע קינדער".

דער הייליגער ספר ״חובת הלבבות״ איז שטענדיג געשטאַנען אויף דעם אויבנאָן פון די הייליגע מוסר-ספרים אין וועלכע אידן אין אַלע דורות האָבן אַריינגעקוקט, ווי מיר זעהען אויך אַז דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי״ע רעכנט אויס דעם ״חובת הלבבות״ צווישן די הייליגע ספרים וואָס ער הייסט לערנען טעגליך, ווי עס איז זיין הייליג לשון אין ״הנהגות האדם״, ביים אָנפאַנג פון זיין ספר נועם אלימלך (אות ד׳) [מיר זעצן עס איבער אין אידיש]: ״און ער זאָל עוסק זיין מיט פחד און פאָרכט אין געוויסע מוסר-ספרים יעדן טאָג, דאָס זענען ראשית חכמה, של״ה און חובת הלבבות״.

אין די צוואה פונעם מחבר פון ספר ״מעיל צדקה״ שרייבט ער (סימן ל״ג): ״און דער מענטש דאַרף זיך באַהעפטן אין דעם ספר חובת הלבבות, וואָס פון דאָרט קען ער נעמען די פנימיות פון די אויסדערוויילטע מדות פאַר עבודת ה׳ ברוך הוא וברוך שמו, און מען דאַרף זיך פאַרטיפן דערין מער ווי מען פאַרטיפט זיך אין לערנען די ענינים פון נגעים ואהלות און שווערע סוגיות, צוליב זיין גרויסע פנימיות און טיפקייט״.

אין ספר ״צוואת גאוני ישראל״ (חלק ב׳, סוף עמוד קע״ד) ברענגט ער, אַז רבי יהודה בן הרא״ש ז״ל האָט באַפוילן זיינע קינדער ״איר זאָלט זיך צוגעוואוינען צו לערנען אין דעם ספר חובות הלבבות און אין ספר הישר, און אין אגרת התשובה פון רבינו יונה, און ענליכע ספרים״, עכ״ל.

אויך ווערט געברענגט (הקדמת הג״ר יצחק ב״ר משה ישראל ז״ל הדיין משווערין, לספר חובות הלבבות דפוס אמסטערדאם שנת תע״ו), אַז ״דער הייליגער אר״י ז״ל האָט אַרויפגעלייגט דעם חיוב אויף זיינע תלמידים צו לערנען אין דאָזיגן ספר (חובות הלבבות) יעדן טאָג, כדי מעורר צו זיין די הערצער צו דעם גרויסן און פאָרכטיגן באַשעפער״, און אַזוי אויך אין ספר ״אור צדיקים״, וואָס איז געבויט אויף די הנהגות

פון אר"י ז"ל (הלכות תלמוד תורה, אות כ"ז), שרייבט ער: "און דו זאָלסט לערנען יעדן טאָג אַ שיעור אין ספר חובת הלבבות".

אויך איז ידוע וואָס עס ווערט געברענגט אין ספר "חוט המשולש" (דף כ"ט עמוד ב'), אַז דער הייליגער חתם סופר זי"ע האָט יעדן טאָג פאַרן שיעור פאָרגעלערנט פאַר זיינע תלמידים אַ שיעור אין ספר חובת הלבבות במשך אַ פערטל שעה, כדי צו דערוואַרימען זייערע הערצער צו יראת שמים וכו', און כמעט אַלע זיינע מוסר שמועסן און הנהגות זענען געווען פון דעם דאָזיגן הייליגן ספר, און ער האָט געוואָלט אַז זיינע תלמידים זאָלן עוסק זיין דערין אין זייערע בחור'ישע יאָרן, כדי זיי זאָלן זיך אויסקלויבן אַ דרך אין עבודת השם יתברך".

אויך ברענגט ער דאָרט אין ספר חוט המשולש (בהג"ה שם) אַז הגה"ק ר' מרדכי באנעט זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו דעם חתם סופר זי"ע, "אויף אייך, פרעשבורגער רב, זאָגט דאָך די וועלט אַז איר זענט אַ לעבעדיגער חובת הלבבות".

אויך ווערט געברענגט אין ספר "כתר ראש" און אין די הגהות "אהלי חיים" צום ספר "ארחות חיים", (וואָס איז געווען געדרוקט אין סידור הגר"א "אשי ישראל"), אַז "ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די ספרים מנורת המאור און חובת הלבבות".

אויך געפינען מיר אין שאלות ותשובות נודע ביהודה (מהדורא קמא, חלק אורח חיים, סימן ל"ה) ווי ער שרייבט פאַר אַ בעל תשובה אַז ער זאָל עוסק זיין אין מוסר-ספרים, און ער רעכנט אויס דעם "ספר חובת הלבבות פון נאָך דעם שער היחוד ביז'ן סוף פון ספר".

וואָס פאַראַ דיין דער רבינו בחיי איז געווען, ווייסט מען אויך נישט. עס איז נישט באַקאַנט אויב ער איז געווען אַ אידישער דיין וואָס האָט בלויז געפּסק'ענט דין תורה'ס, אָדער אפשר אַ רעגירונגס דיין, אַ ריכטער, ווייל אין שפּאַניע האָבן אידן אין יענע צייט פאַרנומען הויכע

רעגירונגס שטעלעס (פּאָזיציעס) און אפשרביידע צוזאַמען, סיי אַ דיין און סיי אַ רעגירונגס ריכטער.

עס איז אַפילו דאָ אַ שטיקל סברא, אַז דער רבינו בחיי האָט נישט פאַרנומען קיין רעגירונגס שטעלע. אין זיין הקדמה צום "חובות הלבבות" שרייבט ער: "וששאינני בקי בצחות בלשון הערבי" - איך בין נישט קלאָר, איך קען זיך נישט אויס אין דער ריינער אַראַבישער שפּראַך, און דעריבער האָב איך מורא געהאַט צו צוטרעטן צו דער אַרבעט צו שרייבן דעם ספר, וועלכע איך האָב באַשטימט צו פאַרפאַסן אין אַראַביש, די שפּראַך וואָס די מענטשן פון מיין דור פאַרשטייען. און אַ רעגירונגס ריכטער, איז דער שכל מחויב מוז גוט פאַרשטיין די לאַנדס שפּראַך.

אָבער קיין קלאָרע ראיה איז דאָס נישט. עס קען זיין אַז ער איז פאָרט געווען אַ רעגירוגס ריכטער, אָדער אַ אידישע דיין, ווייל מיט אַלעמען האָט ער דאָך געקענט אַראַביש, והראי׳: ער האָט דאָך דעם ספר "חובות הלבבות" פאַרפאַסט אין אַראַביש, און מען ווייסט אויך פון נאָך ספרים וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין דער זעלבער שפּראַך. אָבער אין דער צייט וואָס ער האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה צי ער זאָל שרייבן דעם "חובות הלבבות", אָדער נישט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין פאַרשידענע ספיקות, און ער האָט אויך געצווייפלט אפשר איז זיין קענטעניס אין דער שפּראַך צו ווייניג פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

סיי ווי סיי ווייסן מיר זייער ווייניג פון דעם לעבן פון מחבר פון דעם ספר, אָבער זיינע אידעען, זיין רוחניות׳דיגע קדושה און זיין בליק אויף דער וועלט זעהען מיר דייטלעך אין דעם "חובות הלבבות" אַליין.

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז דער בעל "חובות הלבבות" איז נישט דער זעלבער רבינו בחיי, וואָס ווערט אָפט דערמאַנט אין חומש און אין **"צאינה וראינה"**. יענער איז אויך געווען אין שפּאַניע. ער האָט

אַבער געהייסן **רבינו בחיי ברבי אָשר** און האָט געלעבט מיט אַפּאָר הונדערט יאָר שפּעטער פון רבינו בחיי בר יוסף.

דער "**חובות הלבבות**" האָט געקוקט אויף די אמונה מיט אַנדערע בליקן. ער איז געווען אַ קעגנער פון פלפול און פשט׳לעך, מיט וועלכע רבנים און לומדי תורה האָבן זיך אָפּגעגעבן. ער האָט זיך שאַרף אויסגעדריקט וועגן די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט שאלות ותשובות וועגן ענינים וואָס פּאסירן זעלטן אין לעבן.

אין זיין הקדמה דערציילט דער מחבר, אַז איינער איז געקומען צו אַ חכם אָדער צו אַ רב מיט אַן אויסערגעוועגליכע שאלה אין דעם ענין פון גיטין. האָט דער חכם אים געענטפערט: "איר פרעגט אַ שאלה וואָס מיר קענען גאָרנישט פאַרלירן אויב מיר וועלן דאָס נישט וויסן. ווייסט איר אַלעס וואָס איר דאַרפט וויסן? פאַרוואָס זאָלט איר זיך אָפּגעבן מיט שאלות וואָס קענען זייער זעלטן טרעפן, און פאַרנאַכלעסיגן די חובות הלבבות, וואָס מען איז מחויב אינזינען צו האָבן שטענדיג".

און אין **שער עבודת האלוקים** קומט דער מחבר אויך אַרויס זייער שאַרף קעגן די לומדים וואָס גריבלען זיך אין אומנויטיגע שאלות און פלפולים. דער רבינו בחיי זאָגט, אַז דאָס איז אַן איבוד זמן, און מיט אויסערגעוועגליכע שאלות איז געגוג אַז מען גיט זיך אָפּ מיט זיי ווען זיי פּאַסירן אין לעבן.

דער בעל "**חובות הלבבות**" איז חלילה נישט קיין קעגנער פון רבנים. ער האָט זיכער געהאַלטן פון דער תורה און דער תלמוד בבלי און ירושלמי זענען געווען ביי אים ליב און טייער. אָבער לויט זיין שיטה שטייען די חובות הלבבות, די פליכטן פון די הערצער העכער ווי פלפולים און לומדישע חריפות.

## -ב-

אין זיין הקדמה צום "**חובות הלבבות**" זאָגט דער רבינו בחיי, אַז ער האָט געזוכט און נישט געפונען קיין "ספר מיוחד" וואָס זאָל זיין געווידמעט אויף בלויז די "**חכמת הצפון**", די באַהאַלטענע הערצליכע חכמה, די חיובים וואָס אַ מענטש האָט צו ערפילן מיט זיין האַרץ. ער באַטאָנט "**ספר מיוחד**" ווייל אין ספרים פון געוויסע מחברים פאַרן רבינו בחיי געפינען זיך פרקים אָדער מאַמרים וואָס אַנטהאַלטן אמונה אָדער מאָראַליש-פילאָזאָפישע געדאַנקען. אָבער אַז אַ גאַנצער ספר זאָל זיין אויסשליסלעך געווידמיט די פליכטן פון האַרץ, איז דעם רבינו בחיי׳ס ספר "**חובות הלבבות**" דער ערשטער און ביז יעצט דער איינציגער סאָרט.

דער גאַנצער ספר "**חובות הלבבות**" פירט צו איין הויפט צוועק – צו אַהבת השם. דעם רבינו בחיי׳ס לעהרע איז אַזעלכע וואָס פירט פון מדרגה צו מדרגה, פון שטאַפּל צו שטאַפּל ביז ער ברענגט אַרויף דעם מענטש – ווען מען פאָלגט נאָך זיינע הוראות – צום העכסטן שטאַפּל! צו באַקומען הימלישע חכמה און זיין פאַראייניגט מיט דעם אויבערשטן און אַזוי נאָענט צו אים אַזוי ווי די הייליגע מלאָכים. די געדאַנקען ווערן געריניגט און דער גאַנצע מענטשליכער וועזן ווערט אָנגעפילט מיט ליבע צו זיין באַשעפער, וואָס דאָס אַליין איז אַ געניס וואָס אַ זינדיגער מענטש קען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן.

**דער רבינו בחיי קוקט אויף דער וועלט נישט מער ווי אויף אַ פאָרברייטונגס פּלאַץ פאַר יענע וועלט, פאַר חיי עולם הבא. ער איז מבטל אַלע תענוגים און הנאות אויף דער וועלט. לויט זיין שיטה איז דאָ איין צוועק אין לעבן און דאָס איז, צו שטרעבן זיך צו דערנענטערן צו דעם באַשעפער וואָס מער, כדי צו קומען אויף יענע וועלט ריין און געלייטערט, און די נשמה זאָל נהנה זיין מזיו השכינה.**

דער בעל "**חובות הלבבות**" האָט אָנגענומען זיין שיטה און ער טרעט פון איר נישט אָפּ אין גאַנצן ספר.

ער באַציט זיך אויף איין זאַך, אויף לייטערן די געדאַנקען און קומען צו קרבת אלוקים, נאָענטקייט צו דעם אויבערשטן, ווייל דאָס איז ביי אים דער עיקר, און דעריבער רעדט ער נישט אין זיין ספר פון ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיט אונז אידן אַלס אַ באַזונדער פאָלק. ער פאַרשווייגט אַפילו און לאָזט דורך די אידישע האָפענונג אויף ביאת המשיח, און ער דערמאנט עס נישט קיין איין מאָל אין זיין ספר. און כאָטש דער "חובות הלבבות" איז פול מיט פסוקים פון די נביאים, געפינט איר דאָרט נישט קיין איינציגן פסוק וואָס אין אים זאָלן זיין דערמאנט ציון און ירושלים.

אָבער דאָס איז נישט חס וחלילה געווען גאָר שטאַרק אין דער גאולה העתידה, וואָס רבינו סעדיה גאון, וועלכער האָט געלעבט פאַר אים, און שפּעטער דער רמב"ם און אַנדערע וואָס האָבן עס אָנגענומען פאַר איינער פון די עיקרים פון דער אמונה. דער רבינו בחיי האָט זיכער דריי מאָל מתפלל געווען "ולירושלים עירך ברחמים תשוב", אָבער ער האָט נישט געהאַלטן אַז די דאָזיגע האָפענונג, די האָפענונג אויף אַן אייגן לאַנד, אויף זעלבסטשטענדיקייט, קען פירן אָדער מיטהעלפן צו ברענגען צו זיין הויפּט-שטרעבונג מקרב צו זיין מענטשן צו דעם אויבערשטן. צו ברענגען מענטשן צו שלימות, גלויבט דער רבינו בחיי, דאַרף מען זיי איבערהויפּט לערנען און איבערצייגן נישט אָפּצוגעבן זיך מיט גשמיות, מיט מאַטעריעלע זאַכן מער ווי נויטיג. דאָס וואָס די תורה אַליין פאַרשפּרעכט גוטס אויף דער וועלט אויב מען וועט פאָלגן דאָס וואָס די תורה הייסט, זאָגט אויף דעם דער רבינו בחיי אין שער היחוד, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַרן המון, וואָס האָט נישט קיין העכערע השגות, און דאָס איז אַזוי ווי מען גיט אַ בהמה אַ סך גערשטן, אָדער ווי מען טוט אַנדערע פּעולות אַז די בהמה זאָל טרינקען מער.

דער רבינו בחיי איז קריטיקירט געוואָרן פון רבנים און גאונים פון שפּעטערדיגע דורות, ווייל מען האָט אין זיין ספר "חובות הלבבות" געפונען געוויסע ציטאַטן וואָס זאָלן שטאַמען פון די חכמי אומות העולם. דער רבינו בחיי האָט נישט געלייקנט אַז ער האָט אָנגענומען געוויסע זאָגן פון די אומות העולם. אין "חובות הלבבות" זאָגט ער פיל מאָל: "ואמר אחד החסידים", אָדער "אחד החכמים", און דאָס מיינט ער נישט דווקא אידישע חסידים אָדער חכמים. ער זאָגט עס בפירוש אין זיין הקדמה צום ספר: "סמכתי להם דברי הקבלות שקבלנו מרבותינו ז"ל ומן החסידים והחכמים שבכל אומה שהגיעו דבריהם אלינו". איך האָב צוגעגעבן די רייד פון קבלות, וואָס מיר האָבן מקבל געווען פון אונזערע רבנים ז"ל, און פון די חסידים און חכמים פון יעדער אומה, וואָס זייערע רייד זענען ביי אונז אָנגעקומען. ווייל איך האָב געהאָפּט, זאָגט ער, אַז די הערצער וועלן זיין גענויגט צו זיי און זייערע קלוגע רייד וועלן אָנגענומען ווערן. און ער ברענגט דאָרט ראיות פון דער גמרא אַז גוטע זאַכן און מדות דאַרף מען אָננעמען אַפילו פון גוים, און מען מעג איבערזאָגן דברי חכמה פון די חכמי אומות העולם.

ווי עס זעהט אויס, איז דער רבינו בחיי געווען קלאָר באַהאַוונט אין דער דעמאָלסדיגער אַראַבישער ליטעראַטור, און ער האָט פון דאָרט געשעפּט אַביסל מאַטעריאַל פאַר זיין ספר. עס קען זיין אַז די ציטאַטן וואָס זאָל האָבן געשטאַמט פון די חכמי האומות, האָט דער רבינו בחיי גענומען פון אַראַבישע ביכער, און אפשר האָט ער דאָרט גענומען מער ווי דאָס.

אָבער סיי ווי האָבן די קריטיקירער פון דעם רבינו בחיי שפּעטער אויפגעהערט צו קריטיקירן אים, ווייל זיי האָבן צום סוף איינגעזען די וויכטיגקייט פון דעם הייליגן ספר, און דעם נוצן וואָס ער קען ברענגען פאַר דעם כלל ישראל, און דער ספר "חובת הלבבות" איז געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט ביים כלל ישראל.

דער רבינו בחיי איז געווען באַקאַנט אויך אין אַלגעמיינע לימודים, ווי חשבון א.ד.ג. אין "שער חשבון הנפש", רעדנדיג וועגן מאַטעמאַטיק, שרייבט דער רבינו בחיי: "כמעט שתדמה לנבואה הבאה מאת אלקים" – דער מאַטעמאַטיקער קען דערגיין אַזעלכע זאַכן וואָס זענען כמעט גלייך ווי אַ נבואה פון דעם אויבערשטן.

אין זיין הקדמה צום ספר "חובות הלבבות" שרייבט דער מחבר, אַז אַלע חכמות ווערן איינגעטיילט אין דריי חלקים: חכמת הטבע, חכמת השימוש, נוצבארע חכמות ווי מאטעמאטיק, מוזיק, אסטראָנאָמיע און דאָס גלייכן, און די חכמת האלקות, די ג-טליכע חכמה. און די אַלע סאָרטן חכמות, זאָגט ער, זענען טויערן וואָס דער באַשעפער האָט געעפנט פאַר די מענטשן כדי זיי זאָלן דורכדעם באַגרייפן און פאַרשטיין די תורה און די וועלט.

דער מחבר פון "חובות הלבבות" איז נישט געגאַנגען אויפ'ן וועג פון די מחברים פון אַנדערע מוסר-ספרים, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט דעם מצב פון דער נשמה נאָכט טויט פון מענטש מיט שרעקליכע פאַרבן, באַשרייבנדיג דעם מלאך המות, די מאַטערנישן פון "חיבוט הקבר" און די יסורים אין גיהנום, כדי צו וואַרפן אַ מורא און פחד אויף די לעבעדיגע מענטשן. דער רבינו בחיי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם, און מיט אַ פּאָר קליינע אויסנאַמען, דערמאנט ער עס כמעט נישט אין זיין ספר, ווייל זיין שיטה צו לערנען אמונה און מידות איז אַן אַנדערע. ער וויל בעיקר מקרב זיין מענטשן צו עבודת השם יתברך, צו דינען דעם באַשעפער מיט'ן גאַנצן האַרצן, ליב האָבן דעם אויבערשטן און מורא האָבן פאַר אים מיט אַ יראת הכבוד, און צו דעם פאָדערט זיך מער אויפקלערונג און ווייניגער דאָס אָנוואַרפן אויף די לערנער פונעם ספר אַ פּחד פון פיזישע ליידן.

דער "חובות הלבבות" דערמאנט אַפילו נישט די ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט די אידן, ווי עס ווערט דערציילט אין

תורה און אין נביאים, כאָטש ער רעדט וועגן דעם ענין אין "חובות הלבבות". ער מאַכט עס בקיצור און דערציילט נישט קיין פּרטים, ווייל ער האַלט אַז די ניסים פון דעם באַשעפער זעט מען יעדן טאָג און יעדע רגע, איבעראל וואו דער מענטש געפינט זיך. מיר זעען דעם אויבערשטן'ס חכמה און וואונדער אין טאָג טעגליכן לעבן, אויב מיר קלערן נאָר אַריין ווי עס דאַרף צו זיין, און מיר גיבן זיך די מיה צו טראַכטן וועגן דעם.

אויף איין אָרט אין "שער חשבון הנפש" זאָגט דער רבינו בחיי: מענטשן וואונדערן זיך, ווערן איבערראַשט ווען זיי זעהען אַ ליקוי חמה, גרויסע בליצן, שטורעמס און דאָס גלייכן, און זיי ווערן נישט איבערראַשט פון זון-אויפגאַנג און זון-אונטערגאַנג, געוועהנליכן רעגן און דאָס גלייכן, וואָס זיי זעהען שטענדיג. דער אמת איז דאָך, אַז אויף וואָס מען זאָל נאָר קוקן אויף דער וועלט, זעהט מען אין אַלץ די נפלאות הבורא. דעריבער געפינט דער רבינו בחיי נישט פאַר וויכטיג צו דערמוטיגן מענטשן צו דינען דעם אויבערשטן צוליב די ניסים וואָס ער האָט מיט זיי אַמאָל געטוהן, ווייל די גאַנצע וועלט און דאָס טאָג טעגליכע לעבן איז דאָך כסדר פול מיט ניסים.

ווי מיר זעהען אין דאָזיגן הייליגן ספר, האָט דער רבינו בחיי געהאַט אַ שאַרפן פסיכאָלאָגישן בליק. אין פילע ערטער ברענגט ער אַרויס געדאַנקען אויף אזא קלוגן אופן, אַז מען מוז ממש מיטגעריסן ווערן מיט זיינע מיינונגען. ווי לאָגיש רעדט ער אין שער הבטחון וועגן דעם אונטערשייד צווישן דעם מענטש וואָס איז אַ בעל בטחון און דעם מענטש וואָס איז נישט אַ בעל בטחון! ער ווייזט דאָרט אויף אַז דער בעל בטחון, אַפילו ווען עס איז אים חלילה שלעכט איז אים אויך גוט, און פאַרקערט, דער וואָס פאַרמאָגט נישט די מידה פון בטחון, מעג אים אַפילו גיין ווי גוט, איז אים פאָרט נישט גוט. ער רעדט דאָרט מיט אַזוי פיל חכמה, אַז ווען נאָר מען טראַכט זיך אַביסל אַריין דערין, זעהט מען אַז יעדעס וואָרט איז אמת, קיין זאַך איז נישט איבערגעטריבן,

כאָטש אין פלוג קען זיך דאַכטן אַז דאָס זענען נישט מער ווי ווערטער פון אַ מוסר-זאָגער.

דער רבינו בחיי ווייזט אויף אין פילע ערטער, אַז ער איז נישט סתם אַ מוסר-זאָגער אָדער "מאָראַל-פּרעדיגער", נאָר אַ מענטש מיט אַ סאַך ידיעות, וואָס רעדט שכל'דיג ווי אַן ערפאַרענער און פּראַקטישער אויף אַלע געביטן פון לעבן.

דער רבינו בחיי רעדט אויך פיל אַרום די מדה פון "ואהבת לרעך כמוך". אויסער דעם וואָס דאָס איז אַ מצוה פון דער תורה, ווייזט אָן דער רבינו בחיי אויף די איבלען וואָס קומען אַרויס פון דעם וואָס מענטשן זאָרגן זיך בלויז פאַר זיך אַליין און קימערן זיך נישט פאַר'ן כלל, פאַר אַנדערע מענטשן אין זייער סביבה.

רעדנדיג וועגן דעם דאָזיגן ענין פון אהבת ישראל אין "שער חשבון הנפש", גיט דער מחבר דאָרט אַ משל צו אַ צאָל מענטשן וואָס האָבן געפירט שווערע משאות יעדער איינער אויף אַ באַזונדערן וואָגן. זיי האָבן די דאָזיגע משאות געדאַרפט אויסלאָדן און אָנלאָדן, און אויב זיי העלפן איינע די אַנדערע, טוהען זיי אָפּ זייער זאַך בשלום. אָבער ווען יעדער איינער זאָרגט בלויז פאַר זיין וואָגן, ווערן די מערסטע פון זיי פאַרמאַטערט און דערגרייכן נישט זייער ציל.

אַזוי, זאָגט ער, איז אויך מיט דער מענטשהייט בכלל. ווען איינער זאָל העלפן דעם אַנדערן, וואָלטן אַלע מענטשן אויסגעקומען מיט זייער חיונה און מיט אַלעם. די צרה איז אָבער וואָס איינער וויל אַ סאַך און עס קימערט אים נישט וואָס דער צווייטער האָט גאָרנישט. דער איבל איז וואָס אַ סאַך מענטשן זוכן נאָר די אייגענע טובה, אָנצולאָדן זייערע אייגענע וואָגנס, און וועגן דעם איז דאָס לעבן שווער און מענטשן מאַטערן זיך אויף דער וועלט. ער זאָגט אויך, ווען אַלע וואָלטן געלעבט געזעלשאַפטליך, יעדער איינער וואָלט געזאָרגט פאַר אַנדערע אַזוי ווי פאַר זיך, ווען מענטשן וואָלטן געהאָלפן איינער דעם אַנדערן,

וואָלט דאָס לעבן געווען פיל לייכטער פאַר אַלעמען, און יעדער איינער וואָלט געהאַט וואָס ער דאַרף.

דער ספר "חובות הלבבות" איז געווען באַליבט ביים גאַנצן פאָלק, און ביזן היינטיגן טאָג איז דער ספר נאָך אַלץ ברייט באַקאַנט און געשעצט, כאָטש עס זענען שוין פאַרבייגעלאָפן אַזוי פיל הונדערטער יאָרן זינט ער איז פאַרפאַסט געוואָרן. ער איז נאָך אַלץ מער באַליבט ווי פילע אַנדערע ספרים וואָס זענען נתחבר געוואָרן שפּעטער.

דער ספר "חובות הלבבות" איז בשעתו געווען אַ נייעס ביי אידן. דעריבער האָט מען זיך לכתחילה גענומען לערנען דעם ספר. שפּעטער האָבן זיך געפינען איבערזעצער וואָס האָבן עס איבערגעזעצט אויף לשון הקודש. נאָך שפּעטער אויך אין "עברי-טייטש". אַזוי איז דאָס ספר אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אידן אין אַלע לענדער.

דער "חובות הלבבות" איז שטענדיג געווען אידן צום האַרצן. אין אים האָבן די אידן אין גלות געפונען טרייסט מער ווי אין אַנדערע ספרים, ווייל דאָס לערנען אין דעם ספר פירט צו אַ הויכן ציל, צו זיין באַהאָפטן אין דעם אויבערשטן, אַ הנאה וואָס איז העכער און גרעסער ווי אַלע הנאות עולם הזה.

עס איז פאַראַן מער ווי איין איבערזעצונג פון "חובות הלבבות" אין לשון הקודש, אָבער עס איז אָנגענומען געוואָרן די איבערזעצונג פון ר' יהודה אבן תבון, אויך אַ איד פון שפּאַניע, ווייל זיין איבערזעצונג איז די ריכטיגסטע און ער האַלט זיך שטרענג ביים אָריגינאַל, כאָטש די שפּראַך איז נישט אַזאַ לייכטע און דער לייענער שפּרייזט נישט אַזוי פלינק דורך זיין סגנון.

**רבינו** בחיי איז נישט געווען קיין קעגנער פון אויסערליכע לימודים.
ער איז נישט געווען פון די "קנאים" וואָס האָבן געלעבט אין שפּעטערע דורות, וועלכע האָבן נישט געוואָלט וויסן פון אַנדערע חכמות אויסער חכמת התורה. דער רבינו בחיי האָט געהאַלטען פון וועלטליכע חכמות און קענטעניסן, וועלכע ער האָט אַליין, ווי עס שיינט, געלערנט, און נישט פאַרבאָטן אַנדערע צו לערנען. פאַרקערט: ער האָט געהאַלטען אַז חכמות "חיצוניות" זענען אַ געשאַנק פון בורא יתברך. אין שער חשבון הנפש, רעדענדיג וועגן מאַטהעמאַטיק, זאָגט דער רבינו בחיי: (חסר....)

-ג-

**דער,** רבינו בחיי איז נישט געווען קיין קעגנער פון אויסערליכע לימודים. ער איז נישט געווען פון די "קנאים" וואָס האָבן געלעבט אין שפּעטערע דורות, וועלכע האָבן נישט געוואָלט וויסן פון אַנדערע חכמות אויסער חכמת התורה. דער רבינו בחיי האָט געהאַלטען פון וועלטליכע חכמות און קענטעניסן, וועלכע ער האָט אַליין, ווי עס שיינט, געלערנט, און נישט פאַרבאָטן אַנדערע צו לערנען. פאַרקערט: ער האָט געהאַלטען אַז חכמות "חיצוניות" זענען אַ געשאַנק פון בורא יתברך. אין שער חשבון הנפש, רעדענדיג וועגן מאַטהעמאַטיק, זאָגט דער רבינו בחיי: "כמעט שתדמה לנבואה הבאה מאת אלוקים" דער מאַטהעמאטיקער קען דער גיין אַזעלכע זאַכן וואָס זענען כמעט גלייך צו אַ נבואָה פון ג-ט. אין זיין הקדמה צו "חובות הלבבות" זאָגט דער מחבר, אַז אַלע חכמות ווערן איינגעטיילט אין דריי חלקים: חכמת הטבע- פיזיק, חכמת השימוש- ברויכבאַרע חכמות, ווי מאַטהעמאַטיק, מוזיק, אַסטראָנאָמיע א.ד.ג. אין די חכמת האלקות- די געטליכע חכמה. אין דיאַלע קלאַסען חכמות, זאָגט ער,

זענען טויערען וואָס דער באַשעפער האָט געפענט פאַר די מענטשן כדי זיי זאָלן דורך דעם באַגרייפן און פאַרשטיין די תורה אין די וועלט. דערפון זעהט מען גאַנץ דייטליך, אַז דער רבינו בחיי איז נישט אויף דער זייט פון אומוויסענהייט אין וועלטליכע קענטעניסן און וויסענשאַפט. ער איז געווען אין דער מיינונג פאַרקערט, אַז די חכמת האלוקות, די געטליכע חכמה גייט האַנט אין האַנט מיט וועלטליכע חכמות און איינע די אַנדערע קען נישט שאַדן ווען מען ווייסט נאָר ווי אָנצוגעהן מיט זיי.

דער מחבר פון ספר " חובות הלבבות" איז נישט געגאַנגען אין וועג פון מחברים פון מוסר ספרים, וועלכע האָבן באַשילדערט דעם נאָכ'ן טויט מיט שרעקליכע פאַרבן, האָבן פאָרגעשטעלט דעם מלאַך המות, די מאַטערניש פון "חיבוט הקבר" און די יסורי גהינם צו וואַרפן אַ מורא אויף די לעבעדיגע מענטשן, דער רבינו בחיי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם און מיט אַפּאָר קליינע אויסנאַמען, דערמאַנט ער עס כמעט נישט אין זיין ספר, ווייל זיין שיטה צו לערנען רעליגיאָן און מאָראַל איז אַן אַנדערע, די הויפּט זאַך וויל ער מקרב זיין מענטשן צו ג-ט, צו דינען אים מיטן גאַנצן האַרצן, ליב האָבן און מורא האָבן פאַר אים מיט אַ יראַת הכבוד און צו דעם פאָדערט זיך מער אויף קלערונג....... (חסר הסיום).